שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד"

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים

מאת

הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר

## לאוקמי שכינתא מעפרא

אידיש

מועתק מלשונו הזהב

מאמר נ"ז

אב שנת תשפ"ו לפ"ק

## משה שפיר קאמרת

הנה כי כן יבורך גבר יראי ה', האי גברא רבא ויקירא, אר"י שבחבורה, יקר שבערכין, משובח בכל מעלה ומידה נכונה, מוכתר בכל המדות שמנו חכמים, איש חיל ורב פעלים, איש אמונים יקר מפנינים, בריך הכשרון מלא מדע ובינה, לב טוב ומרבה להיטיב, עוסק באורייתא תדירא בהתמדה מופלגה, חסיד המתחסד עם קונו בעבודה תמה ונלהבה, ה"ה ידידינו וידיד כל בית ישראל, שמו הטוב כולו מפארים

כש"ת

# הרב **משה צבי וואלדמאן** שליט"א

## מערכי מכון דורשי יחודך

ביום תת ה' שמחה במעונו

### בהולדת בנו למזל טוב בשעה טובה ומצלחת

**ובהאי שעתא הזמן גרמא, להרים על נס כל פעולה טבא, אשר עסק ועוסק במסירה נפלאה בכל עת ועידן ובכל כוחותיו ועשתנותיו למען המשכת פעולתינו הק' הנצחיים המחזקים רבבות אלפי ישראל ומקרבן לאביהן שבשמים באופן היוצא מן הכלל, ומהולל בפי כל, וכדאי הוא ליטול את שכרו המשלם, שכרו עומדת לעד להתברך בכל מילי דמיטב ביום שמחת לבו.**

ואנו תפילה לק-ל חי שיזכה לגדלו ולחנכו לתורה ויראה ולמעשים טובים ועבודת ה' יתברך ולרוות רב תענוג ונחת רוח דקדושה ממנו ומכל יוצ"ח בשמחה, ויגדלו ויצמחו ויעשו פרי לטובה, וימלא ה' כל משאלות לבו לטובה, ויתברך בכל הברכות האמורות בתורה, ובקרוב נזכה לקבל פני משיח צדקינו בב"א

כעתירת

**ש"ב: אליעזר וואלדמאן**

**ידידך: נחמי' הכהן דייטש**

בשם: רבבות אלפי ישראל הנהנים מפעלתך השמחים בשמחתך,
המתעסקים בקדשים, חברת הכותבים המגיהים
המדפיסים והמפיצים בקרב

**מכון דורשי יחודך**


לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**

**718-586-5199**

**בא"י 0765997840**

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com


**וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של $20 עבור הוצאת עריכת הקונטרסים**
**נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9**


©

כל הזכויות שמורות



מכון דורשי יחודך

נסדר לדפוס ע"י:

ישר Publishing & Production

718.484.2189

# תוכן המאמר

היסוד בתורת הקבלה ........................................ א
דער תכלית פון גלות ........................................ ד
דער גרויסער 'כוכב' ........................................ ו
דער אפטייטש פון 'בירורים' ........................................ ז
'להשיב הנשמות הנפולות' ........................................ ט
'מבשרי אחזה אלוה' ........................................ יא
'אלישע בעל כנפיים' ........................................ יב
צום סוף וועלן זיי אלץ אויסברעכן ........................................ יד
אויספירן די שליחות אויפן פראנט ........................................ יז
'התחזקות' איז נישט נאר פאר שוואכע ........................................ יט
לערן ווי אזוי עס גייט ........................................ כב
'מחיה מתים במאמרו' ........................................ כד
געווארן א בעל-תשובה גמור ........................................ כו
'מי כעמך ישראל' ........................................ כח
שמאַלץ פון חיזוק ........................................ כט

**חלק מהוצאות נתנדב**
**לע"נ שר הצדקות והחסד**
הרה"ח ר' **חיים דוב (בער)** ע"ה ב"ר **חנני יו"ט** הי"ו
**(מייזעלס)**

# עמודי התווך

בס"ד

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם, אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב, להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה, להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **ישכר דוב קויפמאן** הי"ו

ואחיו מוה"ר **אברהם שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **צבי קליין** הי"ו

מוה"ר **שלמה פעדער** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **אהרן אלימלך לעפקאוויטש** הי"ו

מוה"ר **יואל הירשפעלד** הי"ו

מוה"ר **יודא ארי' מיללער** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד להם ולזרעם עד עולם, עם רוב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# מאמר נ"ן

## לאוקמי שבינתא מעפרא

### היסוד בתורת הקבלה

עס איז דא א כלל וואס פארנעמט אין קבלה גאר א גרויסן יסוד[א]: איינע פון די טעמים וואס מען איז אראפ דא אויף דער וועלט איז, ארויסנעמען 'חלקי הקדושה' וואס איז אריינגעפאלן אין די קליפות, אין קליפת נוגה, און זיי מעלה זיין צו השי"ת. נאך פאר דער בריאה, ביי דער 'שבירה', איז אראפגעפאלן א וועלט מיט 'חלקי הקדושה' אין די קליפות, און ביים 'חטא עץ הדעת' איז דאס געווארן נאך מער און נאך מער.

דער **אר"י הקדוש** זאגט טאקע[ב]: 'מיום הבריאה' איז די עבודת הצדיקים צו מעלה זיין די 'חלקי הקדושה' פון די קליפות, און עס ווערט נשלם און נשלם, און אז עס וועט נשתלם ווערן דער 'קומת הקדושה' - 'יבוא משיח'. דער אר"י הקדוש איז תולה אין דעם - די גאנצע גאולה איז ער תולה אין דעם. אט דער ענין פארנעמט אין קבלה א מקום נרחב מאוד[ג].

---

**א.** עיין 'עץ חיים' - שער הכללים, בתחילתו.

**ב.** עיין שם שער כ"ו, פ"ב מ"ב: בכל יום ויום מבריאת עולם עד ביאת משיחנו מתבררים מהם בירורים רבים וכשיוגמרו להתברר אז יבא משיח.

**ג.** מורינו הגה"צ שליט"א דיבר הרבה מענין הנשגב והנחוץ הזה, ולדוגמא עיין אוסף מכתבים (חלק א' מכתב ס"ב) וז"ל: תודה להשי"ת הארכתי על מאמר הזה (לקו"מ סי' ער"ב) הרבה, כי מצאתי בספר ערבי נחל (פ' ויחי ד"ה 'לבאר') בשם האוה"ח הק' בשם האר"י הקדוש, שנשמת האדם מתחלקת לאלפים ורבבות חלקים וניצוצות, וכל יום מימי חיי האדם נותנים לו ניצוץ אחד לתקנו, וכאשר האדם עובד את השי"ת ביום ההוא, אזי מתקן אותו הניצוץ שנתנו לו

די דוגמא וואס מען גיבט אז מיר זאלן האבן עפעס א 'משהו', א שטיקל השגה אין דעם ענין, עפעס פארשטיין, עפעס ממש א 'משהו', איז די דוגמא: דער אויבערשטער האט דאך קובע געווען דער וועלט אז א מענטש לעבט דורך 'אכילה ושתיה'. דאס איז נישט קיין 'דבר ריק', דער אויבערשטער ווייסט וואס ער טוט. אז א מענטש מאכט א ברכה בכוונה, א 'ברכה ראשונה', ער עסט ווי א איד דארף עסן, ער מאכט א 'ברכה אחרונה', און נאכער מיט די כוחות לערנט ער, מיט די כוחות דאווענט ער, מיט די כוחות איז ער זיך 'מתגבר על יצרו', וואס דער אויבערשטער האט טאקע געמאכט אז בכח דער ברכה ווערט נכנע די 'רע' אז מען זאל זיך קענען מתגבר זיין על היצר מכח די עסן, און מיט די כוחות טראכט ער הייליגע מחשבות,

---

ביום ההוא ועולה למעלה בהארה נפלאה, אך אינו מסתלק לגמרי רק נשאר דבוק בגוף מעט. ואם יחטא האדם ביום ההוא, יֵצֵא הניצוץ ההוא פגום.

וכתב שם בערבי נחל בשם האוה"ח הק', שע"י הקדמה זו מובנים כמה דברים, ואחד מהם, להבין ענין השינה. והוא, כי אז מסתלק הניצוץ של הנשמה המתייחס לאותו היום ועולה למעלה ויש לו תקומה ועליה, ועשה השם יתברך ככה שיסתלק כל ניצוץ ביומו, כי בכל יום יורד לאדם ניצוץ חדש מנשמתו, וכמה תיקונים שהוא עושה ביום הזה מתתקנים מאור הניצוץ של היום, ובלילה הוא נסתלק ועולה בהארה נפלאה, ולמחר נותנים לו ניצוץ חדש לתקנו, והניצוץ של אתמול לוקחין אותו ממנו כדי שלא יוכל לקלקל את התיקונים שעשה כבר. נמצא כי אם עסק בחלק נשמה של אותו היום, אזי אחר שנסתלק ממנו הוא קרוב לשכר ורחוק מהפסד, לכן אין לאדם לחשוב בכל יום כי אם לתקן ולהוסיף תיקונים להניצוץ והחלק נשמה שיש לו באותו היום. והבעל דבר מבלבל תמיד את האדם או על קודם או על מחר, ואילו על היום הזה שעל זה יש לו עכשיו עיקר השליטה, זה הוא רוצה לחטוף ממנו.

ועל פי זה רואים איך שרבינו הקדוש הזהיר 'היום אם בקולו תשמעו', היום דייקא, כי מחר הוא ענין אחר לגמרי, וכל התכלית הטוב שזוכה האדם הוא ע"ז שהוא חושב כל יום רק על יום הזה שהבע"ד לא יגזול אותו ממנו, אז אם חוטף האדם כך בכל יום, נעשה ממנו במשך הזמן תכלית טוב, כי אין התכלית נעשה ביום אחד, והבע"ד הוא גם עושה כן, כי חוטף מהאדם בכל יום מעט מעט עד שבסוף הוא חוטף את הכל ח"ו.

לכן העצה הוא, להיפך, שלא נחשוב כי אם על היום הזה, וצריכים להתחנן בכל יום: "**רבונו של עולם, רחם עלי שאזכה לתקן את היום הזה**", כמו שאמר רבינו בצחות לשונו הק', שהאדם צריך בכל יום לאכול כמה פרקים משניות ולשתות כמה קאפיטלך תהילים ולהתלבש באיזה מצות, ולא לחשוב מיום לחבירו, כי אם כל יום על תיקון אותו היום.

איז ער דורכדעם מעלה 'חלקי הקדושה' וואס געפינען זיך אין די מאכלים וואס זענען געקומען גאר פון 'עמקי האדמה', און ער איז עס מעלה אין דער 'קומת הקדושה'[ד].

אין דעם מאמר "כי מרחמם ינהגם" אין **ליקוטי מוהר"ן**[ה] רעדט דער רבי דארט פון 'הארת הרצון בעת האכילה', אז בעת דער סעודה פון א מענטשן דארף ער האבן הייליגע מחשבות צום אויבערשטן. איינע פון די פרטים דארט אין דער תורה איז די זאך.

זאגט רבי נתן אין **ליקוטי הלכות**[ו]: דאס וואס די חכמים האבן מתקן געווען ביי דער 'ברכה רביעית' פון ברכת המזון, די לשונות: "האל, אבינו, מלכנו, אדירנו, בוראנו, גואלנו, יוצרנו, קדושנו", דאס איז לשונות פון 'הארת הרצון' וואס דאס דארף ווערן פון דעם עסן.

מכל שכן, אז מען איז זוכה צו מעלה זיין א מענטשן, א מענטש ליגט אין א מיצר, און מען גיבט אים א זאג א 'דיבור', מען איז אים מחזק, מען גיט אים א ריר ארויס פון דער מצב זיינעם, דאס איז א געוואלדיגע מצוה, מען נעמט ארויס א מענטש פון 'דרכי מיתה לדרכי חיים'.

א מענטש! וואס איז אלץ כלול אין א מענטשן! עס איז דאך א געוואלד! א מענטש איז דאך מורא'דיג גרויס! און נעבעך, 'אין חבוש מתיר עצמו', מען קען אמאל ראטעווען א מענטשן![ז] דער

---

**ד.** עיין 'ליקוטי הש"ס' (אריז"ל), מס' ברכות, ד"ה כל הנהנה, וז"ל: כבר ידעת כי תכלית כוונת האכילה הוא כדי לברר הניצוצים אשר נפלו בשעת מיתת המלאכים כדי להוציא יקר מזולל אשר מתקן אותם האוכל בכוונת הברכה של ברכת הנהנין.

**ה.** תניינא סי' ז' אות י', וזל"ש: מי שהוא איש חיל ואינו ההיפך (שקורין: רוע מזל, שלימזל), הוא יכול לקבל בעת האכילה הארת הרצון, דהיינו שיאיר לו הרצון בעת האכילה, וישתוקק ויכסוף מאד אליו יתברך ברצון מופלג, בלי שום ידיעה, שלא ידע כלל מה הוא רוצה.

**ו.** עיין הל' נטילת ידים לסעודה ה"ו אות ע"ב.

**ז.** עיין 'שיחות הר"ן' אות ק"כ: את חבירו בקל יותר לחזק מלחזק את עצמו, כי אין חבוש מתיר את עצמו (ברכות ה' ע"ב).

רבי זאגט, עס איז דא 'מטעמים המשיבים את הנפש' וואס מען קען מעלה זיין א מענטשן 'מדרכי מיתה לדרכי חיים'.

עס איז כלול אין דעם אפילו ווען צוויי לערנען צוזאמען, צו מען רעדט אין אידישקייט, און יענער באקומט עפעס א הארה, א נייער 'דעת דקדושה', און ער כאפט מיט דעם א 'קַו' ווי אזוי צו משַׁנה זיין א געוויסע דרך זיינע לטובה, איז עס א טובה פאר'ן משפיע, און א טובה פאר'ן מקבל. דער **רבי** זאגט[ח], אז מען רעדט פון יראת שמים, איז יעדער איינער א 'משפיע' און א 'מקבל'.

עס איז זייער גרויס, מיר האבן נישט קיין השגה, נאר די 'הסתרה' פארשטעלט, מיר האבן נישט קיין השגה ווי גרויס יעדער 'דבר טוב' אויף דער וועלט איז, מיר האבן נישט קיין השגה, מיר האבן נישט קיין השגה, לעתיד וועט מען זען וואס דאס איז.

## דער תכלית פון גלות

דער **הפלאה** זאגט אין 'פיתחא זעירא' אנפאנג מסכת כתובות[ט]: **חז"ל** זאגן אין פסחים[י]: **"לא הגלה הקב"ה את ישראל אלא כדי**

**ח.** עיין 'ליקוטי מוהר"ן' תניינא ז' (הנ"ל), אות ד', וז"ל: כששנים מדברים יחד ביראת שמים, אזי כשאחד מאיר לחבירו באיזה דיבור, נחשב חבירו אצלו בחינת תלמיד. ולפעמים נעשה להיפך, דהיינו כשאחר כך הוא מקבל מחבירו איזה דיבור, אזי נעשה הוא בבחינת תלמיד לגבי חבירו.

**ט.** אות מ', וזל"ש: אמרו חז"ל לא גלו ישראל אלא כדי שיתוספו עליהן גרים שנאמר וזרעתי את ישראל וגו'. והנה אין הדבר להבין כפשוטו, שהרי אמרו חז"ל קשים גרים לישראל וכו', אלא הענין כמו שכתבו המפרשים שנדחו ישראל בארבע כנפות הארץ כדי ללקט ניצוצות הקדושות. וזהו שיתוספו עליהן גרים שהם מתאחזים בישראל על ידי ישיבתם בחוץ לארץ והליכתם ומשאם ומתנם ועסקיהם שם. והנה על ידי המתהלכים בארץ ומשוטטים בה הן מלוקטים אחד אחד. אבל להעלותם לשרשם העליון הם מתעלים על ידי התלמידי חכמים הם הגומרים ומעלה אותם למעלה. אם כן שניהם צריכים זה לזה, כי התלמידי חכמים הם יושבים באהליהם ארבע אמות של הלכה ואינם יכולים להוציא יקר מזולל כי אם מעלים הניצוצים שכבר נתבררו, אם כן שניהם מועילים זה לזה.

**י.** דף פז ע"ב.

**שיתוספו עליהם גרים**". זאגט ער, די מפרשים זענען מפרש אז מען מיינט נישט נאר גרים ממש; גוט - מען מיינט גרים 'אויך'; נאר די גמרא האט אנגעכאפט א נאמען; עס מיינט אז אין גלות האבן זיך די אידן צעשפרייט אויף דער וועלט, און מען האט קובע געווען שיעורים, און מען האט געלערנט, מען האט געדאווענט, מען האט געהאנדלט, מען האט פארדינט, מען האט געגעסן, מען האט געטרונקען, מען האט געבויעט, מען האט געדינט דעם אויבערשטן, מען האט געטון מצוות, מען האט אויפגעשטעלט אידישע דורות. האט מען מיט דעם ארויסגענומען פארוואלגערטע 'חלקי הקדושה' פון 'דארטן', און מען האט עס מעלה געווען, איז נשלם געווארן דער 'קומת הקדושה'.

עס איז געווען טאקע דווקא בהשגחה פרטית אז דער נפש איז געווען אין דער מדינה, און דער נפש אין דער מדינה, און ער איז געווען אין דעם פלאץ, און דער אין דעם פלאץ, אלץ איז געווען אויסגעשטעלט 'למען' - משלים זיין דער 'קומת הקדושה', וואס נאכדעם קען קומען די גאולה[יא].

---

**יא.** עיין ענין זה באריכות 'ליקוטי הלכות' הל' ברכת הריח ה"ד אות מ"ה, וז"ל: איתא בכתבי האריז"ל בכוונות 'והביאנו לשלום מארבע כנפות הארץ' וכו', שבכל מקום בעולם שאחד מישראל נדחה לשם בגלות בארבע כנפות הארץ, נחשב כאילו כל ישראל גלו לשם, ועל ידי זה מברר ניצוצות משם ועל ידי זה באין לארץ ישראל, עיין שם באריכות שזהו סוד מה שישראל מפוזרין עכשיו בגלות במקומות הרחוקים מהקדושה מאד. **והנה זה הענין הוא דבר נסתר ונעלם מאד ואי אפשר להבינו**, כי אנו רואים שבמדינות הרחוקים מישיבות ישראל **כמו במדינת מאסקווע**, נדחו לשם יהודים מועטים. ודרים בין הרבה עובדי כוכבים יהודים מתי מעט, עד שיש עיירות הרחוקים יותר שאין נמצאים שם ישראלים כי אם אחד או שנים בעיר גדולה. והנה אנו רואים בעינינו שרוב אלו היהודים הדרים במקומות כאלה רובם ככולם אינם צדיקים כלל, והלואי היו בינונים, כי הם רחוקים מאד מה' יתברך, ואי אפשר להאריך בזה שלא לדבר על איזה מישראל חס ושלום, כי גם פושעי ישראל מלאים מצוות כרימון. **ואם כן איך אפשר להבין זאת שעל-ידי אנשים כאלו יתבררו הניצוצות מעמקי הקליפות כאלו? אבל באמת היא נפלאות תמים דעים ואי אפשר להבין זאת** ... כי יש שם ניצוצות מאלפים שנים שמונחים שם בגלות וצער גדול מאד, שאם היו מריחים שם ריח בעלמא של ישראל היו מחיין עצמן מאד. ועל כן תיכף שנכנס לשם איזה ישראל בעלמא, אפילו פושעי ישראל, אף על פי שחטא ישראל הוא, ואף על פי כן שם ישראל נקרא עליו,

## דער גרויסער 'כוכב'

איך האב געקלערט, לפי־זה קען מען זאגן, עס שטייט טאקע א פסוק ביי דער גאולה אין "דניאל"[יב]: "**וְהַמַּשְׂכִּלִים יַזְהִרוּ כְּזֹהַר הָרָקִיעַ**". 'משכילים' איז דער טייטש, אז מען גיבט אריין א 'דעת דקדושה' אין א צווייטן, דאס איז 'משכיל'. "**וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים**"; פשוט איז דער פשט, א 'מזכה את הרבים', און אוודאי 'אין המקרא יוצא מידי פשוטו'. אבער לפי־זה קען מען זאגן, ווען די 'חלקי הקדושה' געפינען זיך אין די קליפות, זענען זיי דאך רשעים, זיי טוען 'רע', און זיי העלפן צו דער 'רע', זיי העלפן נאך צו דער 'רע' נאך מער ווי די 'רע' אליין. דאס איז דער "ישראל כשנופלים נופלים (עד עפר)"[יג]. קומט אויס, עס איז דא 'חלקי הקדושה' וואס איז אראפגעפאלן פון דער מרכבה דקדושה, וואס זיי זענען אין 'רע', און זיי טוען 'רע'.

אבער אז מען האט זיי מעלה געווען אין דער קדושה, און עס איז געווארן דערפון 'כבוד אלקים', עס איז נשלם געווארן דער 'קומת הקדושה' דורכדעם, איז פריער זענען זיי 'לא צודק', ערשט ווערן זיי 'צודק', איז 'מצדיקי הרבים'; דאס איז דער "ומצדיקי הרבים ככוכבים"[יד].

---

אזי תיכף כשאלו הניצוצות הקדושים מריחין ריח של ישראל, הם מתעוררים ומתדבקים בו. ואף על פי שעדיין אי אפשר להם לעלות מחמת שזה האיש בודאי אין לו כח להעלותן. ועל כן על פי רוב נופל על ידם יותר, מחמת ריבוי הקליפות הנאחזין באלו הניצוצות כידוע. אף על פי כן מאחר שעל כל פנים מחזיק עצמו בדת ישראל ואינו ממיר דתו לגמרי חס ושלום, ונקרא עליו שם ישראל, זה בעצמו יקר מאד בעיני ה' יתברך, ויש לה' יתברך תענוג ושעשוע גדול מזה, עד שסוף כל סוף יעלה זה האיש משם, ויעלה עמו כל הניצוצות הנ"ל משם, ועל ידי זה יתקן כל חטאיו מאחר **שעל ידו דייקא עלו הניצוצות האלו מה שלא היו יכולין לעלות על ידי שום איש כשר שבעולם.**

**יב.** דניאל יב, ג.

**יג.** עיין גמ' מגילה דף טז ע"א.

**יד.** עיין 'ליקוטי הלכות' הל' השכמת הבוקר ה"א, אות י"ב: 'והמשכילים יזהירו כזוהר הרקיע ומצדיקי הרבים ככוכבים' וכו'. היינו שבעקבות משיחא בסוף הקץ שאז יתגבר ח"ו הסט"א כידוע, ואז יהיה גודל הבירור והצירוף בחינת 'יתבררו ויתלבנו ויצרפו רבים' כו', ואזי יהיה עיקר התיקון על ידי בחינת הנ"ל, על ידי מצדיקי הרבים, היינו על ידי הצדיקים שידונו את

א 'כוכב' קוקט אויס קליין, אבער עס איז זייער גרויס, עס איז זייער גרויס, זייער גרויס, זייער גרויס, יעדער 'דבר טוב' איז געוואלדיג גרויס.

## דער אפטייטש פון 'בירורים'

דער **אר"י הקדוש**[טו] טייטשט עס טאקע אריין אין פסוק; עס שטייט[טז]: **"הֵן רַבִּים עַתָּה עַם הָאָרֶץ"** - עס איז דא זייער אסאך 'חלקי דקדושה' אין די קליפות; און פון דעם לעבן זיי, פון דעם זענען זיי גרויס. זיי רופן זיך 'עם הארץ', ווייל 'עַם' איז מלשון 'גחלים עוממות', זיי זענען פארשווארצט געווארן, 'הָארץ', פון דאס וואס זיי ליגן אין ארציות.

דער אר"י זאגט מפורש: 'מיום הבריאה' ווערט נשתלם דער 'קומת הקדושה', 'וכשישתלמו קומתם', קומט די גאולה.

נאר וואס דען, אוודאי דער 'גמר' וועט מאכן דער אויבערשטער, אזוי ווי דער רבי זאגט אין **ליקוטי מוהר"ן** תורה ב' מפורש[יז]: **'סלקינן ואפינן ובשלינן'**, אבער צום סוף, **'בחסדו יגאל אותנו'** - דער

---

הכל לכף זכות וימצאו נקודות טובות אפילו בהפחותים מאד מאד, שזהו עיקר עבודת הצדיקים ועל ידי זה דייקא יבא משיח במהרה בימינו, כי זה בחינת משיח וכו' כנ"ל. וזהו, "והמשכילים יזהירו וכו' ומצדיקי הרבים ככוכבים וכו'". **כי עיקר התיקון והגאולה בקץ האחרון יהיה על ידי בחינה זו, על ידי בחינת הנקודות טובות הנ"ל, שהם בחינת כוכבים** וכו'.

**טו.** עץ חיים שער י"א פ"ז.

**טז.** שמות ה, ה.

**יז.** עיין שם אות ו' בביאור המאמר פליאה של רבב"ח (ב"ב ע"ג:), וזל"ש בא"ד הנוגע לעניננו: כשאנו רואים אורך הגלות, ובכל יום אנחנו צועקים אליו ואינם נושעים, ויש מעמנו בני ישראל שטועים ח"ו בלבם, שכל התפילות הם לריק ... 'וסברינן יבשתא הוא', היינו שהתפילות אינם עושים פירות, אבל באמת אינו כן, אלא **'סלקינן ואפינן ובשלינן'**, היינו כל התפלות סלקינן ועולין ... כשישתלם קומה של כל השכינה, היינו על ידי רוב התפילות, יכמרו רחמיו, ויתהפך מדת הדין למדת הרחמים ... ואף על פי שנראה, שעל ידי תפלתנו ותורתנו יהיה הגאולה, אף על פי כן צריכין אנחנו לחסדו, **שבחסדו יגאל אותנו**.

אויבערשטער אליין וועט ארויסנעמען די אלע 'חלקי הקדושה' און ער וועט עס גומר זיין פון די 'עמקי עמקי הקליפות' וואס מיר האבן אפילו נישט געקענט דארטן אריינגיין, און ער וועט מעלה זיין אלץ צו דער קדושה.

איך האב אביסל מאריך געווען אין דעם, ווייל עס איז דא זייער אסאך אין רבי'נס ספרים וועגן דעם; אוואו דער רבי אדער רבי נתן רעדן וועגן 'בירורים', איז דאס דער פשט; אלע חסידישע ספרים, אוואו עס איז דא דערווארט 'בירורים', איז דאס דער פשט; דאס רופט זיך 'בירורים' - מעלה זיין; און עס איז דא געוויסע עובדות וואס פון דעם ווערט דאס.

על־כל־פנים, דער רבי האט געוואוסט אז דאס ווערט נישט היינט פון סתם מוסר, נאר דאס ווערט פון די 'מיני מטעמים המשיבים את הנפש', דורך דיבורים פון קדושה, דיבורים פון אמונה, הייליגע דיבורים, געשמאקע דיבורים, וואס אז דער אויבערשטער העלפט אז א אידישע נשמה דערהערט דאס, ווערט אים ליכטיג און ער ווערט נתעלה[יח].

**יח.** עיין 'יפה ירושתינו' (משיבת נפש ח"א, הקדמת הספר) וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: אין **ליקוטי מוהר"ן** תורה י"ג ברענגט דארט דער רבי ממש טאקע דער זאך, אז דער צדיק נעמט צוזאם אלע נשמות וואס ער רעדט צו זיי - סיי דעם 'חלק הטוב' זייערן, און סיי דעם 'חלק הרע'; ווייל דער 'חלק הטוב' דארף האבן א תיקון, מען דארף עס מחזק זיין, מען דארף עס אויפפרישן, מען דארף עס מצחצח זיין און באנייען. און דער 'חלק הרע' דארף מען אויך אפרייניגן. נעמט ער צוזאם אלע נפשות - דער 'טוב' מיט דער 'רע' - און ער איז עס מעלה 'למעלה', וואס דאס איז די 'אתערותא דלתתא', און לפי די נשמות וואס ער האט מעלה געווען, גיט מען אים 'התגלות התורה'.

ברענגט דער **טשעהרינער רב** אראפ אין "פרפראות לחכמה" אויף דער תורה, יעדע זאך וואס איז ברוח הקודש, איז פאר "את אשר ישנו פה ואת אשר איננו פה"; דער רבי האט געזאגט (תורה) מיט אזא 'רוח הקודש', אז אלע נשמות וואס וועלן זען די לימודים וועלן באקומען די תיקונים וואס דער רבי האט געזאגט!

קומט אויס, מען דארף גלויבן אין דעם רבי'נס דיבורים אז דער רבי רעדט דא צו מיר ממש - ממש ער לעבט און ער רעדט צו מיר!.

## 'להשיב הנשמות הנפולות'

זאגט דער רבי[יט]: **"ועל ידי התנוצצות המוחין בחינת תפילין שזוכין"** - דער רבי זאגט, 'מוחין' פון 'תפילין' דאס איז 'דביקות', דאס הייסט - 'השגות אלקות' וואס מען האט דורכדעם 'דביקות הבורא'. און ווי איז מען זוכה צו האבן אזעלכע מוחין? **"על ידי שמשברין התגברות הרהורי ניאוף** (כמו שמובא בברית אות נ"ז[כ])" - אז מען צוברעכט די שלעכטע מחשבות פארן אויבערשטנ'ס כבוד וועגן, מען איז עס מבטל, מען טראכט נישט פון דעם, מען טראכט אז מען דערצערנט דעם אויבערשטן מיט דעם דער וואס מען טראכט דאס, ווערן דערפון 'מוחין' פון 'תפילין' - אזוי זאגט דער הייליגער רבי.

און דורכדעם - **"על ידי זה נעשים דיבורים כשרים להחיות ולהשיב את אלו הנשמות הנפולות"**.

למעשה איז דאס איין זאך, 'צוברעכן שלעכטע מחשבות' פאר דעם אויבערשטנ'ס כבוד וועגן, און 'רעדן הייליגע דיבורים', מקרב זיין א מענטשן צום אויבערשטן, דאס איז איין סוג תיקון.

ווייל 'מחשבות רעות' פון שמוץ, רחמנא ליצלן, באַרויבן די 'חלקי אלקות' פון מח און ווארפן עס אריין אין דער סטרא אחרא. אבער דורכדעם וואס מען איז עס מבטל, און מען צוברעכט דאס, גייט ארויס דער חלק הקדושה וואס דארט איז דא, און עס גייט אריין אין 'מוחין'.

---

**יט.** משיבת נפש אות כ"ח - עפ"י לקו"מ תניינא ס' ה'.

**כ.** עיין שם 'ליקוטי עצות', וז"ל: **וזה צריך כל אחד לידע**, שכל מה שמתגברין עליו ההרהורים ביותר, כשמתגבר כנגדם ובורח מהם ומשברם, הוא עושה בזה תיקון גדול מאד, ומעלה הקדושה מהקליפה וממשיך בחינת קדושת התפילין שהם התנוצצות המוחין, לידע ולהודיע אלקותו יתברך בעולם. וכל מה שמתגברין עליו יותר ויותר נעשה מזה בחינת תיקון התפילין ביותר כשמתגבר כנגד גודל התפשטותם לשברם, **כי רק בשביל זה נשלח עליו ההרהורים ורעיונים רעים וזרים כאלה, כדי שיתהפך ויהיה נעשה מהם דייקא בחינת תיקון התפילין.**

אדרבה, פון רבי'ן אין סימן כ"ז קומט אויס[כא], אז א מענטש צוברעכט א 'מחשבה זרה', נעמט ער ארויס אפילו אלטע מחשבות וואס ער האט עס אריינגעווארפן אין די קליפות, און ער איז עס אויך מעלה; עס ווערט פון דעם 'מוחין', עס ווערט פון דעם אהבת השם, אהבת התורה, השתוקקות. וואס דערנאך ווי שטייט, "**מִפִּיו דַּעַת וּתְבוּנָה**" - פון די 'מוחין' ווערט 'דיבורים קדושים'[כב].

עס קען טאקע זיין, דאס איז דער ענין וואס שטייט ביי 'תפילין'[כג]: "**לְמַעַן תִּהְיֶה תּוֹרַת ה' בְּפִיךָ**". "תורת ה'" דאס איז 'תפילין'. און "בפיך", ווייל דאס גייט אריין אין 'דיבורים'; אז מען האט 'מוחין', וואס דאס איז 'תורת ה'', גייט עס אריין 'בפיך', עס ווערט פון דעם 'דיבורים', 'דיבורים להחיות הנשמות'.

און די זעלבע זאך, אז מען פירט זיך ווי א איד, מען איז מבטל דער מחשבה בשעת עס קומט נאך 'בהתחלה דהתחלה', נעמט מען עס אויך ארויס. דער אויבערשטער ווייסט דאך וואספארא ביטערע מחשבות עס וואלט נשתלשל געווארן פון דעם; איז אז ער האט

---

**כא.** עיין 'ליקוטי מוהר"ן' סי' כ"ז, וזל"ש בקיצור (מליקוטי עצות - מחשבות והרהורים אות ב'): כשבאים על מחשבתו הרהורי זנות והוא משבר תאותו ומסיח דעתו מהם, **זהו עיקר תשובתו ותיקונו על פגם הברית שפגם מקודם**, כל אחד כפי ענינו, כי זהו בחינת תשובת המשקל ממש. **על כן אל יפול בדעתו** כשרואה שמתגברים עליו הרהורים רעים ומגונים מאד, כי אדרבא, זהו דייקא תיקונו ותשובתו, כי דייקא על ידי זה שבאים עליו עתה ההרהורים והוא מתגבר עליהם, על ידי זה דייקא הוא עיקר תיקונו ותשובתו כנ"ל. ובזה הוא מוציא ניצוצי הקדושה שנפלו על ידי פגם הברית ואז זוכה לתיקון הברית, ועל ידי זה זוכה להזדכך החכמה והקול וכו' [כמו שנתבאר בפנים], וזוכה לשלום שעל ידי זה יכולין למשוך כל העולם לעבודתו יתברך.

**כב.** עיין 'ליקוטי מוהר"ן' תניינא סי' ה' (שעליה מיוסד אות זה במשיבת נפש), אות ח', וזל"ש: **עיקר התגלות המח הוא בהדיבור**, כמו שכתוב (משלי ב, ו): "**מפיו דעת ותבונה**". ועל כן כשהמוחין זכים, נעשין דיבורים כשרים, ובהם משיבין את הנשמות הנפולות, בבחינת (שם כ"ו): שבעה משיבי טעם, היינו, על ידי תפילין, מוחין, שהם בבחינת שבעה רועים, על ידם נעשין שבעה משיבי טעם, היינו בחינת דיבורים כשרים הנ"ל שבהם משיבין הנשמות שנפלו, שהם בחינת (שם כ"ד): שבע יפול צדיק וקם.

**כג.** שמות יג, ט.

געהאט שכל און ער האט עס געקלאפט ביי דער 'התחלה דהתחלה', האט ער אויך ארויסגענומען 'חלקי הקדושה' פון די קליפות.

און אפילו די צדיקים וואס פירן זיך אויף אזא סארט אופן וואס עס קומט 'לגמרי' נישט אָן צו זיי קיין שלעכטע מחשבה, איז מיט די עבודה (שהם עומדים על המשמר), טוען זיי אויך 'ממרחק' ארויסנעמען 'חלקי הקדושה' פון די 'עמקי הקליפות'.

## 'מבשרי אחזה אלוה'

עס שטייט פון **בעל־שם־טוב**; דער **דגל** האט געזאגט, עס איז געווען א פרייטאג צונאכט, ער איז געזעצן אויפ'ן בעל־שם אלס קליין קינד, געדענקט ער אז דער בעל־שם האט געזאגט: **"מִי יַעֲלֶה לָּנוּ הַשָּׁמַיְמָה"** איז די ראשי תיבות 'מיל"ה', און די סופי תיבות איז 'הוי"ה'.

דער רמז פון דעם איז: דורך 'קדושה' איז מען זוכה צו הייליגע 'מחשבות', צו 'אלקות', **"מִבְּשָׂרִי אֶחֱזֶה אֱלוֹהַּ"**[כד].

דערנאך האט דער בעל־שם־טוב געזאגט: **"יש אחד ששומע תורה לא מפי מלאך ולא מפי שרף אלא מהקב"ה בעצמו; ובכל רגע ציטערט ער אז ער זאל נישט ארייפאלן אין 'נוקבא דתהומא רבה'!"**[כה].

מצד אחד איז עס א געוואלדיגער לימוד, זעה וואס טוט זיך אויף דער וועלט, מען קען זיין אזוי גרויס, און מען איז איינגעשטעלט דא, מען איז איינגעשטעלט, מען דארף שטיין כסדר אויפ'ן פראנט.

---

**כד.** איוב יט, כו. עיין 'ליקוטי מוהר"ן' סי' כ"ג: 'מבשרי אחזה אלוה' - שבתחילה צריך לתקן בשר קודש, ואז יוכל להסתכל באלקות.

**כה.** עיין 'דגל מחנה אפרים' - ליקוטים, ד"ה 'עוד פעם אחת', וז"ל: עוד פעם אחת שמעתי ממנו בליל שבת שאמר אלי בתוך אשר ביאר פסוק (דברים ל, יב) 'מי יעלה לנו השמימה', וחיבק ונישק אותי, ואמר שהם ראשי תיבות מיל"ה וסופי תיבות הוי"ה, ואמר בזה הלשון: דא שווער איך אייך שיש איש בעולם ששומע תורה מפי קודשא בריך הוא ושכינתיה לא מפי מלאך ולא מפי וכו' ואינו מאמין עצמו שלא ידחה מאת הקב"ה ח"ו כי בקל יכול לדחות לנוקבא דתהומא רבה וסמך על פסוק (שם) לא בשמים הוא ולא מעבר לים. ה' יקרב אותנו בימין צדקו.

האב איך געקלערט, עס דארף דאך האבן עפעס א קשר, אט דער ווארט וואס ער האט געזאגט "יש אחד ששומע תורה לא מפי מלאך ולא מפי שרף", און דא ציטערט ער אז זאל נישט ארייינפאלן אין 'נוקבא דתהומא רבה'.

דער קשר איז, ווייל דווקא דער צדיק וואס ער ציטערט אזוי שטארק עס זאל זיך נישט צורירן צו אים די סטרא אחרא, ער ציטערט, ער האט מורא, מיט אט דער פחד אליין איז ער דאך 'לוחם', ער טוט דאך פעולות אנטקעגן, איז די פעולות אליין גיבט אים 'מוחין', ווייל ער נעמט דאך ארויס דורכדעם 'חלקי הקדושה' פון דער סטרא אחרא, איז דאס גיבט אים 'מוחין' צו משיג זיין אזעלכע גרויסע השגות.

## 'אלישע בעל כנפיים'

די **גמרא** זאגט[כו]: **"תפילין צריכין גוף נקי כאלישע בעל כנפיים"**. פשוט איז דער פשט: עס איז געווען א חסיד וואס ער האט געהייסן "אלישע". און דער מלכות רומי האט געמאכט א גזירה אז ווער עס וועט לייגן תפילין, 'ינקר מוחו', און ער איז געגאנגען מיט תפילין. האט אים א 'קסדור אחד' געזען, איז ער אים נאכגעלאפן. אז ער האט אים געכאפט, האט דער חסיד אראפגענומען די תפילין. פרעגט אים דער קסדור "וואס האסטו אין האנט?", זאגט ער, 'כנפי יונה'. האט ער עס אים געוויזן, איז די תפילין געווארן 'כנפי יונה'. דאס איז דער פשוט'ער פשט.

די גמרא איז דאך הוילע סודות, די גמרא איז דאך **"כל תלמודא דילהון על רזין עילאין סידרו להון"** - אזוי שטייט אין **זוהר**[כז] - דער גאנצער תלמוד איז מיוסד אויף 'סוד'.

---

**כו.** שבת דף קל ע"א.

**כז.** פר' פינחס דף רמד ע"ב.

זאגט **רבי צדוק**[כח], די גמרא זאגט א דוגמא אז 'תפילין צריכים גוף נקי כאלישע'. ווייל אלישע (הנביא) איז געווען פון די צדיקים 'שלא ראו טומאה מימיהם'[כט], אזוי ווי עס שטייט אויף אים[ל]: **"אִישׁ אֱלֹקִים קָדוֹשׁ הוּא עֹבֵר עָלֵינוּ תָּמִיד"** - אויף אים שטייט דער ווארט 'קדוש' אין תנ"ך.

איז 'בכוחו' וואס ער איז געווען אזוי מוגדר פון 'רע', האט ער ארויסגענומען 'חלקי הקדושה' פון די 'מרחקים' און ער האט געהאט גאר גרויסע 'תפילין', גרויסע 'מוחין'. אט דאס איז דער פשט "מען דארף האבן א 'גוף נקי' 'כאלישע בעל כנפיים'"; ווייל וואס מער מען שלאגט זיך, מען האט א 'גוף נקי', האט מען העכערע 'תפילין', העכערע 'מוחין'.

די **גמרא** זאגט אין מגילה[לא] אויף דעם פסוק[לב]: **"לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן וִיקָר"**; 'אורה' זו תורה, 'ושמחה' זו יום טוב, 'וששון' איז מצות מילה, "שש אנכי על אמרתך", **'ויקר' דאס איז 'תפילין'**.

זאגט **רבי צדוק מלובלין**, פארוואס רופט זיך 'ויקר' - 'תפילין'? וויבאלד 'תפילין' איז 'מוחין' וואס קומט פון 'חלקי הקדושה' וואס איז אריינגעפאלן אין דער סטרא אחרא וואס דארטן זענען זיי געווען בתכלית הבזיון, זיי זענען געווען דארטן אין דעם צירוף 'קר"י', איז אז זיי קומען צוריק, ווערט פון זיי "**יק"ר** מפז", השגות אלקות, די גרעסטע השגה.

---

**כח.** עיין ספרו 'ליקוטי אמרים', אות ט"ז.

**כט.** גמ' ברכות דף י' ע"ב.

**ל.** מלכים-ב ד, ט.

**לא.** דף טז ע"ב.

**לב.** אסתר ח, טז.

דער **רבי** אליין ברענגט[לג] אויפ'ן פסוק[לד]: **"אוֹר יְקָרוֹת וְקִפָּאוֹן"**; וואס איז 'יקר'? 'השגות'! השגות אין אויבערשטן דאס איז 'יקָר'. לעתיד וועט עס זיין אסאך, אבער היינט איז עס 'יָקָר'.

דאס איז דער פשט: "ויקר" דאס איז 'תפילין'; ווייל 'תפילין' איז 'מוחין' וואס מען האט עס מעלה געווען 'מתכלית הבזיון לתכלית הכבוד'; "יקר" איז 'יקר וגדולה וכבוד'.

### צום סוף וועלן זיי אלץ אויסברעכן

עס איז דא דריי פסוקים: "ויסע", "ויבא", "ויט", איינער לעבן די אנדערע, "ויסע מלאך אלקים", דער צווייטער פסוק איז "ויבא בין מחנה מצרים", דער דריטער פסוק איז "ויט משה את ידו". די דריי פסוקים, יעדער פסוק האט צוויי־און־זיבעציג אותיות. נעמט מען איין אות פון דעם פסוק, איין אות פון דעם פסוק, איין אות פון דעם פסוק, ווערט א 'שֵׁם' פון דריי אותיות; אזוי ווערן 'צוויי־און־זיבעציג' שמות.

**רש"י** אין סוכה זאגט[לה], וויאזוי גייט דער סדר? דער סדר גייט אזוי, מען נעמט דעם ערשטן אות פון 'ויסע', און דעם לעצטן אות פון 'ויבא', און דעם ערשטן אות פון 'ויט', ווערט דריי אותיות, איז דאס א 'שם' פון די ע"ב שמות; נאכער נעמט מען דעם צווייטן אות

---

**לג.** עיין 'ליקוטי מוהר"ן' סי' ו' אות ג' שמביא רביז"ל הגמ' במס' פסחים דף נ' ע"א, וזל"ש: 'והיה ביום ההוא לא יהיה אור יקרות וקפאון'. מאי 'יקרות וקפאון'? אמר רבי אלעזר, זה אור שיקר בעולם הזה וקפוי לעולם הבא.

**לד.** זכריה יד, ו.

**לה.** דף מה ע"א ד"ה 'אני והו', וזל"ש: מע"ב שמות הן הנקובים בג' מקראות הסמוכין בפרשת ויהי בשלח, 'ויסע' וגו', 'ויבא בין מחנה', 'ויט משה את ידו', ושלשתן בני ע"ב אותיות, ומהן שם המפורש, אות ראשונה של פסוק ראשון, ואחרונה של אמצעי, וראשונה של אחרון, וכן בזה הסדר כולן, השם הראשון והו, וי"ו של ויסע, ה"א דכל הלילה, וי"ו דויט, ושם הל"ז הוא אני, אל"ף דמאחריהם, ונו"ן ראשון דהענן בחשבון של מפרע, ויו"ד דרוח קדים.

(וכו'), ווערט נאך א 'שם'; ביז עס ווערט 'צוויי־און־זיבעציג' שמות, וואס די שמות זענען מורא'דיגע כוחות וואס פארנעמט א וועלט פון ענינים, עס טוט זיך מיט די שמות ביי די קבלה מעשיות און אין כוונות התפילה.

אַן אינטערעסאנטע זאך, רש"י זאגט ווען "אני והו הושעה נא", אז דער 'אנ"י' איז איין 'שם', און דער 'וה"ו' איז נאך א 'שם'. איז רש"י זאגט פון וואנעט עס גייט ארויס אט די צוויי שמות.

למעשה טאקע, איינע פון די ע"ב שמות איז, 'חב"ו', וואס די ראשי תיבות פון דעם איז[לו]: "**חַ'יִל בָּ'לַע וַ'יְקִאֶנּוּ**" - 'די קראפט וואס זיי האבן צוגענומען פון דער קדושה, וועלן זיי אויסברעכן'.

טאקע אין דער לעצטער תורה וואס דער **רבי** האט געזאגט אכצן טעג פאר דער הסתלקות[לז] - וואס דער רבי רעדט פון 'תיקון העולם', פון דעם 'שיר שיתער לעתיד' - ברענגט דער רבי דארטן אראפ דעם פסוק; ווייל די גאולה וועט זיין צוזאמען מיט 'השלמת קומת הקדושה'[לח].

טאקע דער אויספיר פון דעם פסוק איז: "**מִבִּטְנוֹ יֹרִשֶׁנּוּ אֵל**" - 'דער אויבערשטער וועט זיי אפ'ירש'ענען'; פון דער 'עמקי המקום' וואס קיינער האט נישט געקענט ארויסנעמען, וועט עס דער אויבערשטער ארויסנעמען, און דורכדעם וועט בטל ווערן די קליפות און עס וועט אויפגעבויעט ווערן דער 'קומת הקדושה'[לט].

---

**לו.** איוב כ, טו.

**לז.** 'ליקוטי מוהר"ן' תניינא סי' ח', אות ג'. עיין 'חיי מוהר"ן' אות מ"ג, ואות נ"ט, שמאמר זו נאמרה בראש השנה האחרון לימי חייו שנת תקע"א באומן.

**לח.** וזל"ש: הסט"א מוכרח להקיא ולהוציא כל הקדושות של הדעת והרחמנות והתפילות שבלע, בבחינת (שם כ): "**חיל בלע ויקאנו**". ולא די שהוא מקיא ומוציא כל הקדושה שבלע, אף גם הוא מוכרח להקיא ולהוציא עצמות החיות שלו ממש, בבחינת: "**מבטנו יורישנו אל**"; היינו שמוציא ומקיא עצמות חיותו ממש, עיי"ש באריכות כל הענין.

**לט.** עיין 'עמק המלך' שער י"ז פי"א מש"ש על זה השם: השם הזה הוא סגולתו להוציא ניצוצי הטהרה השבויים ביד הקליפות ... והוא שם אחד מע"ב שמות היוצאים מפסוקים

איז **רבי צדוק** זאגט[מ]: 'שמעתי' אויף דעם וואס די **גמרא** זאגט אין בבא מציעא: **"מצא תפילין, שָׁם דמיהן ומניחן לאלתר"**. דאס טייטש, דו דארפסט עס נישט האלטן ביז יענער וועט דיר עס קומען אפבעטן - עס קען דאך ווערן קאליע; לייג אוועק די געלט וויפיל עס קאסט, און לייג די תפילין; אז עס וועט קומען צו דיר דער איד, וועסטו אים גיבן דאס געלט, ווייל תפילין קריגט מען; נאר א זאך וואס מען קריגט נישט דארף מען האלטן ביז יענער קומט.

זאגט די גמרא, פארוואס נאר ביי תפילין און נישט ביי אלעס איז אזוי? ווייל **"תפילין בי בר חבו משכח שכיחי"** - עס איז דא א איד וואס הייסט 'בר חבו', וואס ער פארקויפט תפילין, קען מען עס קריגן ביי אים.

לכאורה, צו וואס דערמאנט די גמרא דעם נאמען פון א מענטש וואס פארקויפט תפילין? זאגט ער, 'בר חב"ו', דאס איז דער 'שם' וואס דאס איז די ראשי־תיבות פון ח'יל ב'לע ו'יקיאנו, דארטן איז דא 'אורות', מורא'דיגע 'אורות', אט דאס איז מרמז די גמרא.

נאר וויבאלד פונקט האט דער אויבערשטער מזמין געווען אז א איד 'בר חבו' האט עס פארקויפט, האט די גמרא געוואלט זאגן דעם סוד פארוואס טאקע הייסט ער 'בר חבו', ווייל ער פארקויפט כשר'ע תפילין - דאס איז דער סוד פון דער גמרא.

---

של וו [ויסע ויבא ויט], והוא נרמז בראשי תיבות הפסוק ח'יל ב'לע ו'יקיאנו. לפי שכשהאדם מוציא זרע לבטלה, או במחשבה פסולה, הקליפות קולטת אותה הנשמה והטיפה היוצא ממנו. וכשהוא מכוין בשם זה, 'כבולעה כך פולטה', וזהו 'ומבטנו יורישנו אל', והוא מתקן את אשר עוות.

**מ.** 'ליקוטי אמרים' שם, וז"ל: וזהו **יקר אותיות קרי.** כמו **ששמעתי** על לשון חז"ל (בבא מציעא כ"ט ע"ב): **תפילין בי בר חבו משכח שכיחי**, דרומז לשם שרמז האריז"ל בברכת תקע בשופר היוצא משלושה מילים יח'ד מארב'ע כנפו'ת בצירוף אותיות שלפני אות אחרונה שבכל תיבה, דבכח זה השם הוא קיבוץ ניצוצי קרי שנפזרו לבטלה, ושם שכיחי תפילין דגם כן מועילין לענין זה, **כך קיבלתי.** והיינו דנעשה מקרי יקר כידוע, דהנשמות היוצאות על ידי טיפי קרי הם יקרות ביותר, וכשנקלטו לקדושה נעשה מהם יקר, וכן בארתי במקום אחר **דעל ידי תיקונו משיג גם כן דברים יקרים.**

## אויספירן די שליחות אויפן פראנט

אינטערעסאנט, אין אט דער תורה אליין אין תורה ה' דעם צווייטן חלק וואס מען האט ערשט געלערנט, רעדט דער רבי אויך אויף אזא סארט אופן אויף אַן אנדער ענין. דער רבי זאגט, עס איז דא 'אמונה הנפולה', א מענטש פאלט אריין אין א 'ירידה' אין 'אמונה'[מא].

פארוואס טאקע האט עס דער אויבערשטער געמאכט? כדי מען זאל זיך שטארקן בתכלית התמימות, בתכלית הביטול, מען זאל צוברעכן אלע כפירות אָן קיין פארוואס, אוועקווארפן אלע 'מוחין' און זיך פארבינדן מיט השי"ת[מב].

זאגט דער רבי, פון דעם ווערט 'גרים'.

למעשה, עס ווערט טאקע פון דעם 'גרים', אבער דער אמת איז אז חוץ פון דעם נעמט ער אויך ארויס 'חלקי אמונה הנפולה' וואס איז געוועזן פארפאלן, און עס גייט אריין אין אים, עס ווערט 'אמונה' פון דעם. די אמונה שיינט דאך, נאר זיי האבן עס בארויבט. ווי שטייט[מג], **"עֲרֹב עַבְדְּךָ לְטוֹב אַל יַעַשְׁקֻנִי זֵדִים"!** עס איז אַן ענין פון אַן 'עושק', די סטרא אחרא האט בארויבט דער קדושה.

ווען א מענטש זעט אז ער האט א נפילה, דארף ער וויסן, דער אויבערשטער וויל עפעס פון אים, שטארק זיך, דו טוסט א שליחות,

---

**מא.** עיין שם אות ד'-ה'.

**מב.** עיין 'שיחות הר"ן' אות רכ"ב: שמעתי בשמו שדיבר עם איש אחד שהיה לו בלבולי אמונה. וחיזק אותו רביז"ל ואמר לו, שאיתא שכל התהוות מעשה בראשית היה רק בשביל מה שצפה ה' יתברך שיהיו אנשים שיהיה להם יסורים בענין האמונה הקדושה מחמת הבלבולים והכפירות העולים על מחשבתם רחמנא לצלן, והם יתגברו כנגד אלו המחשבות ויתחזקו באמונה. ורק בשביל זה ברא ה' יתברך את כל מעשה בראשית. ועל ידי דיבורים אלו נתחזק זה האיש מאד תמיד בכל עת שבאו עליו בלבולים הנ"ל. וכן מבואר בדברי רביז"ל כמה פעמים שעיקר הבריאה היה בזכות האמונה כמו שכתוב (תהלים לג ד): "וכל מעשהו באמונה".

**מג.** תהלים קיט, קכב.

אזוי ווי מען שיקט איינעם צום פראנט גיין ברעכן דארטן א געוויסע פעולה וואס קיינער קען נישט טון נאר ער![מד]

איך זאג אלעמאל איבער וואס שטייט פון **מגיד**[מה]. עס שטייט[מו], דער 'גר' האט געזאגט: **"גיירני על מנת שתלמדני כל התורה כשאני עומד על רגל אחת"**; איך וויל זיין אַן ערליכער איד, אבער איך וויל עס זאל מיר גיין אלעמאל, איך וויל נישט קיין 'ירידות' מיט קיין 'עליות'. איז 'שמאי' - 'דחפו באמת הבנין', דאס הייסט, דער 'בנין העולם' איז נישט אזוי, עס מוז איבערגיין עליות מיט ירידות, טאג מיט נאכט, בערג מיט טאלן, ליכטיג מיט פינסטער, זומער - ווינטער, עס גייט נישט אנדערש[מז].

אז ער איז געקומען צו הילל'ן, האט הילל אים מסביר געווען: **"דעלך סני לחברך לא תעביד"**; דו ביסט דאך געווען א גוי, ווי ווילסטו ערשט ווערן א איד? איז פשט, א איד האט געהאט א ירידה וואס ער איז שיעור געווארן א גוי, און ער האט דארטן ממליך געווען דעם אויבערשטן, האט ער דיר ארויסגענומען. דו ביסט דאך א

---

**מד.** עיין 'ליקוטי הלכות' הל' ברכת הריח ה"ד אות מ"ו: כל זמן שמשתדלין ומחפשין להתקרב לצדיקי אמת. אזי אפילו אם ח"ו נופלים כמו שנופלים, **אינו נחשב נפילה כלל**, כי אדרבא, אז יעלה ניצוצות יותר ממקומות הרחוקים ביותר וכנ"ל. **והוא ממש כמו שמשלשלין אחד על ידי חבל לתוך עמקי מצולות ים ותהומות תחתיות כדי שיחפש ויבקש שם אוצרות יקרות ואבנים טובות ונפלאות מאד.** וכל זמן שהוא מקושר בהחבל לא יהיה נאבד לעולם. כמו כן הוא ממש, שכל זמן שמתקשרין עצמו לצדיקי אמת ומתגעגעין אחריהם ומחפשין אותם, על ידי זה מקשרין עצמן לחבל דקדושה. ואזי בכל מקום שיורד לשם יעלה אותו הצדיק משם על ידי החבל דקדושה שמקשר בו. **ולא די שיעלה אותו משם אך גם הירידה והנפילה תהיה תכלית העליה. כי על ידי נפילתו וירידתו למקומות כאלה יעלה משם ניצוצות קדושות ויקרות הרבה שלא היה אפשר להעלותם על ידי שום צדיק כי אם על ידו דייקא.**

**מה.** עיין 'מגיד דבריו ליעקב' אות מ"א; 'ליקוטים יקרים' דף י"ז ע"א; גם עיין ספר 'בעש"ט עה"ת' פר' בראשית ובמקור מים חיים שם אות ס'.

**מו.** גמ' שבת דף לא ע"א.

**מז.** עיין 'ליקוטי הלכות' הל' קריאת התורה ה"ו אות י"ח: **בהכרח** שיעברו על כל אדם עליות וירידות הרבה מאד. והכל בשביל התחדשות הנ"ל, **שבשביל זה נברא יום ולילה אור וחושך**, והוא יתברך מאפיל ומאיר בגשמיות וברוחניות בכלל **ובפרט בכל אדם ובכל זמן.**

אידישע נשמה וואס איז פארפאלן געווארן, האט ער דיר געגעבן א ריר. איז יענער דארף האבן א ירידה פאר דיר, און דו פאר א צווייטן - נישט?![מח]

אבער דער אמת איז, 'לפי־זה' וואס מען האט גערעדט ביז ערשט, יעדער מענטש איז א 'חלק אלקי ממעל', יעדער חלק הקדושה וואס א מענטש דינט דעם אויבערשטן אויף דער גשמיות'דיגער וועלט, אין דער מגושמ'דיגער וועלט, אמונה, קדושה, עבודה, און מען נעמט ארויס 'חלקי הקדושה', האב איך גענומען מיינע חברים, מיך אליין, מיינע 'אורות', איך האב מיינע 'אורות' א טובה געטון, און יענעמ'ס 'אורות' א טובה געטון.

אַן 'אור' וואס איז פארפאלן געווארן און עס קומט צוריק, דאס רופט זיך 'גר', אבער למעשה איז דאס 'חברך', ווייל דאס איז די אייגענע 'חלקי אלקי ממעל'[מט].

## 'התחזקות' איז נישט נאר פאר שוואכע

די וועלט האט א געוואלדיגער טעות, די וועלט מיינט, עס איז דא 'אמאל' וואס מען דארף האבן חיזוק. אוודאי איז דא צייטן וואס מען

---

**מח.** עיין 'קדושת לוי' על שיר השירים ד"ה 'לריח שמניך', וז"ל: להבין למה ברא ה' יתברך זה שיפול צדיק ממדריגתו, הלא לכאורה הוא יותר טוב שיעמוד צדיק תמיד על עמדו לעבוד השם יתברך בשכל גדול ולאהוב אותו אהבה שלימה? **דבר זה אמר הבעל שם טוב ז"ל, ומורי הצדיק מורינו דוב בער ז"ל**, שמזה שנופל הצדיק ממדריגתו ומתחזק לחזור ולשוב לאיתנו מזה נבראו נשמות. והוא **כמו מי שרוצה להעלות את חבירו מטיט ורפש שצריך גם הוא לירד סמוך להטיט ורפש להעלות אותו**, כמו כן **מזה נבראו נשמת גרים** ממה שהצדיק נופל ממדריגתו ומתחזק את עצמו לעבוד השם יתברך ולחזור ולשוב אל מקומו עד כאן דבריו. והוא נרמז גם כן בכתבי האר"י ז"ל.

**מט.** עיין 'ליקוטים יקרים' דף יז ע"א: י"ל על פי מה שאמרו רז"ל (פסחים דף פ"ז ע"ב) לא הגלה הקב"ה את ישראל אלא להוסיף עליהם גרים, כי הצדיק רוצה להיות במדריגה שלו תמיד, כי הוא רוצה להיות תמיד לפני אדוניו לשרתו, **אך מפני מה הוא נופל לפעמים ממדריגתו? כדי לברר ניצוצות שנפלו בקליפות**. כמשל המלך ששלח את בנו להביא לו אוצר שנאבד לו, וציוה להביא לו ממדינה אחרת, אם כן מוכרח הבן להחליף מלבושיו בכדי שלא

דארף האבן (מער) חיזוק, און עס איז דא מענטשן וואס דארפן האבן (מער) חיזוק.

דער רבי האט אבער געזען אז דער 'לימוד' פון 'תורת החיזוק' איז היינט א לימוד וואס מען דארף דאס האלטן אין איין וויסן![נ]

מען דארף דאס האלטן אין איין וויסן!

עס גייט ערשט דער 'גמר התיקון', און עס קאכט זיך, און מען דארף עס וויסן כדי זיך צו קענען האלטן אין איין באנייען אין עבודת השם און זיך האלטן אין איין שטארקן; אז איך קען נישט טון וואס איך **דארף**, לאמיר טון וואס מען **קען**; מען דארף וויסן, וואס **טאר** מען נישט טון, וואס **מעג** איך טון.

די צרה איז, ווען א מענטש איז אין א 'ירידה' הויבט ער אָן - 'איך בין אזוי שולדיג', ער הויבט זיך אָן צו באטראכטן אזוי, 'קוק אין וואספארא נידריגע מדריגה איך בין, זעה ווי איך קוק אויס - און איך בין שולדיג', ביז ער פאלט אריין אין עצבות, און ער בלייבט אין דער ירידה.

די עצה איז: וואס וויל דער אויבערשטער ערשט פון מיר? איך זאל דינען דעם אויבערשטן אָן א פארוואס. איך זאל נישט טון קיין שלעכטס אָן א פארוואס. איך זאל טון גוטס אָן א פארוואס. דאס איז דאס. "**אֲחַזְתִּיו וְלֹא אַרְפֶּנּוּ**", דאס וויל ערשט דער אויבערשטער פון מיר. אז איך קען נישט לערנען ווי איך **דארף** לערנען, לאמיר לערנען ווי איך **קען** לערנען, אט דאס וויל דער אויבערשטער פון מיר!

---

יכירוהו, וכן עשה, והביא את האוצר, ואז הוא עובד יותר למלך בזה, מקודם, במה שהיה עומד לפני המלך, **והם נקראים גרים** כידוע.

**נ.** עיין 'ליקוטי הלכות' הל' שבת ה"ז אות ע"ד: **כל אדם** שבעולם מגדול ועד קטן **בהכרח** שיעבור עליו כמה וכמה הרפתקאות וכו', שכולם הם בחינת נסיונות וצירופים **ועליות וירידות בלי שיעור**. וכל כוונת ה' יתברך לטובה, כי כל מה דעביד רחמנא לטב עביד. כי כל כוונתו יתברך הכל כדי שעל ידי זה דייקא יעלה מכל המקומות שירד לשם לברר משם מה שיברר עד שיבא למקום מנוחתו למקור נשמתו וכו'.

ווען א מענטש איז אין א 'ירידה', האט ער א תפקיד מיוחד וואס ער דארף טון ערשט.

אז עס הויבט זיך אָן - 'דו ביסט שולדיג!' - איז 'בין איך שולדיג' - אבער וואס וויל דער אויבערשטער פון מיר נאכדעם וואס איך בין שולדיג? אז איך זאל אים ממליך זיין אוואו איך געפין זיך - אט דאס איז מיין שליחות ערשט. 'חשבונות' - א צווייטע מאל וועל איך מאכן 'חשבונות' און אכטונג געבן אז איך זאל נישט זיין שולדיג.

אז מען איז שוין 'דארט' - דארף מען וויסן, 'לאמיר ממליך זיין דעם אויבערשטן אוואו איך געפין זיך!' דאס איז אזעלכע מיני תיקונים וואס נאר אזוי דינט מען דעם אויבערשטן, אזוי ווערט אלע 'תיקונים'[נא].

---

**נא.** עיין אוסף מכתבים (חלק ב' מכתב קל"ג) וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: והנה אמת הדבר שצריכין כהיום להחזיר לעצמינו הרבה התעוררות הלב להשי"ת לעומת מה שירד טמטום הלב והמח מחמת הטומאה השורה בעולם ר"ל, וזה משפיע הרבה גם להכשרים, וכן צריכים הרבה חיזוק לא לעזוב את השי"ת אף אם יעבור עליו מה, ולקיים **"מקצה הארץ אליך אקרא"** (תהלים סא, ג).

כתבתי לאחד לפני כמה זמן, שצריכים לדעת שאפילו אם אחד נכשל ח"ו ח"ו באלף ראיות אסורות, ובאם בא הראיה האלף ואחת הרי מצווה הוא מה' אלקי ישראל לעצום את עיניו. ואם אכן שוכח את כל מה שנעשה אתו עד כאן, ונגש בחמימות לקיים רצון הבורא וכובש את יצרו ועושה נחת רוח ליוצרו - זה חשוב מאד, ועושה בזה תיקונים נפלאים מה שאפי' צדיק אין יכול לעשות תיקונים כאלו כי המליך את השי"ת בשאול תחתיות, מכיון שהי' כבר שם. משא"כ צדיק שאינו נכנס בכלל לשם (כמובא בלקו"ה ברכת הריח הל' ד, אות מח). וזה בחי' 'בקי בשוב' המובא בסימן ו' בלק"מ. ו'בקי ברצוא' הוא שאפילו אם הוא קדוש וטהור ונופל עליו גאוה, צריך לדעת בתמימות ובפשיטות שאסור להתגאות ומה לו לחשוב ממדרגותיו כי אין צריכים לחשוב רק את רצון הבורא שזה האמת, וכל ההתהוות שנעשה אתו אינם משנים את האמת הישר.

אמרתי כמה פעמים ע"ז, שבתחילה אמר בלעם **"אם יתן לי בלק מלוא ביתו כתסף וזהב לא אוכל לעבור את פי ה' אלקי"** (במדבר כב, יח) אז הזכיר את "ה' **אלקי**", ואילו לאחר שאמר לו בלק **"ועתה ברח לך אל מקומך"** (שם כד, יא) השיב לו בלעם: **"הלוא גם אל מלאכיך אשר שלחת אלי דברתי וגו' לא אוכל לעבור את פי ה'"** (שם כד יג) ולא אמר "אלקי", לקלל, ומפרש רש"י שמכיון שהרגיש שחטא עי"ז שרצה דוקא לקלל, ידע שנבאש אצל הקב"ה, נטרד ולא אמר אלקי. ואמרתי את הלימוד שיש לנו מזה, שצריכים לדעת שהחשבון הזה שאחר החטא מתייאשים ולא אומרים 'אלקי', זה דעת בלעם הרשע, כי הדעת

אז איינער וועט ארייגגיין זען א מאשין, זעט ער ווי איין אייזן גייט ארויף און אַן אנדער אייזן גייט אראפ, דאס גייט פאמעליך און דעס פליהט; (וואונדערט ער זיך), עס דארף זיין דא - צו עס דארף זיין דא? צו וואס לויפט עס אזוי ארויף און אראפ? דער תירוץ איז, אט אזוי גייט ארויס גוטע תוצאות, נאר אזוי גייט ארויס די גוטע סחורה, דורך אזעלכע פעולות.

עס איז א געוואלדיגער כלל, א געוואלדיגער כלל: וויסן - וואס וויל ערשט דער אויבערשטער פון מיר?! וואס וויל ערשט דער אויבערשטער?! וואס קען איך טון?! אז איך קען נישט טון וואס איך 'דארף', זאל איך טון וואס איך 'קען'!

## לערן ווי אזוי עס גייט

איך האב פונקט היינט דערמאנט עטליכע מאל וואס דער **רמב"ם** זאגט. עס שטייט[נב]: **"המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ"**. וואס הייסט דאס "המקבל עליו **עול** תורה"? ווייסט איר וואס דער רמב"ם זאגט[נג]? **"התמדת הקריאה"**!

איר הערט א זאך? - ער איז מקבל אויף זיך אז ער וועט תמיד מתמיד זיין בקריאת התורה, ער וועט תמיד קורא זיין בתורה.

ווען דער רמב"ם לייגט ווען צו אז ער וועט תמיד קורא זיין בתורה 'בנעימות', צו ער וועט תמיד קורא זיין בתורה 'בשמחה', צו אַן אנדערע אזא סארט זאך, וואלט ער גורע געווען. ווייל דאס הייסט נישט 'קבלת **עול**'. 'קבלת עול' איז "אחזתיו ולא ארפנו"; דו האסט א

---

של הצדיק האמת הוא שתמיד 'ה' אלקינו' - כי הלא זה מציאות שהשם הוא אלקינו, וגם אם חטא צריכים אמנם להתבייש מאד ע"ז, ולשוב ולא לנטוש מהאמת הברור, אבל **אָב נשאר תמיד אָב, א טאטע בלייבט שטענדיג א טאטע!** כי זה מציאות שאינה מתבטלת. עכ"פ צריכים כהיום הרבה חיזוק בעקבתא דמשיחא דא.

**נב.** אבות פ"ג מ"ה.

**נג.** בפירושו למשניות שם.

'דיבור', און עס איז דא א 'תורה', האלט אין איין לערנען, האלט אין איין זאגן.

דאס איז אזא מין דערהער, איין זאך: ער דארף מתמיד זיין בקריאה; ווען ער האט איבריגע צייט, זאל ער זיצן און מאכן מיט דער ליפן[נד].

אוודאי, בשעת עס גייט, לערן איך אפ אין א קורצע צייט אסאך; אבער אז עס גייט נישט, קען איך אפילו איבערזאגן א שטיקל גמרא פינעף מאל מיט דער רש"י, נאכאמאל, נאכאמאל, ביז מען נעמט עס אריין אין קאפ; נאכדעם ווייטער א שטיקל, ווייטער א שטיקל; איי איך האב אפגעלערנט נאר א צענטל וואס איך האב געדארפט אפלערנען? אבער 'התמדת הקריאה' איז געווען!

אויף דעם שטייט: "**תורה שבאף עמדה לי**"![נה] דו ווייסט נישט וואספארא תיקונים דו מאכסט דעמאלס. עס איז רעכט אז דו וועסט האבן איבער א יאר אזא מין הצלחה בכח דעם וואס דו האסט דיך ערשט דערהאלטן. דער אויבערשטער איז נישט מקפח, אדרבה, "**לפום צערא אגרא**"[נו], אדרבה, די חלקים וואס דער אויבערשטער וועט דיר משלים זיין, דאס וועט ווערן פון דעם.

איך האב אמאל געזאגט טאקע בדרך מליצה, אז א אינגל נעמט זיך צום לערנען דער לעצטער וואך פון זמן, האט ער געטון א פעולה וואס ער קען כסדר זיין א מתמיד, ווייל ער האט אוועקגעלייגט אלע פניות, אלע פניות, ער וועט שוין סייווי נישט מצליח זיין ביי דער

---

**נד.** עיין 'ביאור הליקוטים' - דברי פתיחה, שאמר פעם רביז"ל לאחד: **די ליפן זאלן דיר ניט צו שטיין.**

**נה.** עיין 'ליקוטי מוהר"ן' תניינא הנ"ל, אות ט"ו: וזה בחינת ריח, בחינת (שיר השירים ז): "וריח אפך", בחינת (קהלת ב): **"אף חכמתי עמדה לי" - 'חכמתי שבאף עמדה לי'** (מדרש רבה קהלת סדר ב, עיין שם במתנות כהונה), **דהיינו על ידי טרחות ויגיעות**, כי אי אפשר לקבל מהרב כי אם על ידי טרחות ויגיעות.

**נו.** אבות פ"ה מכ"ג.

בחינה, ער איז שוין סייווי - - און מיט דעם אלעם נעמט ער זיך צום 'לערנען', עס האט נישט קיין 'טעם לוַואי' פארוואס - ערשט קען ער זיצן און לערנען.

סתם אזוי ווען מען זעצט זיך לערנען, זעט מען צו עס וועט ארויסקומען אזוי, צו עס וועט ארויסקומען אזוי; און אז ער זעט אז עס גייט נישט - פאלט ער אראפ; ניין ניין - אט דאס איז 'התמדת הקריאה'!

איינער האט געפרעגט א גדול, [עס איז דא זייער אסאך מענטשן וואס ליידן פון דער סארט זאך], אמאל פאלט אים איין צו לערנען 'בקיאות', אמאל פאלט אים איין צו לערנען 'עיון', דא פאלט אים איין צו לערנען 'הוראה', דא פאלט אים איין צו לערנען 'משנה ברורה', דא פאלט אים איין צו לערנען 'חומש מיט רש"י', אלע טאג פאלט אים איין אנדערע געגנג ווי צו לערנען, ער קריכט נישט ארויס; מען מאכט א גאנג - און עס האלט אָן א האלבן טאג צו דאס אויך נישט, וואס וועט זיין דער תכלית?!

האט אים דער גדול געזאגט: "דו האסט א גרויסן טעות, נישט מען מאכט א פלאן אויף צו לערנען, נאר מען האלט אין איין לערנען ביז עס ווערט א פלאן!". היינט לערנסטו 'זבחים', מארגן 'מנחות', איבערמארגן 'משנה ברורה', האלט אין איין לערנען ביז דו וועסט אריינגיין אין 'שביל'.

## 'מחיה מתים במאמרו'

**רבי אברהם ר' נחמן'ס** איז אמאל געשטאנען ביי דער בּאַן, עס איז געווען דארט א טומל. אמאל ביי דער בּאַן פלעגט זיין א גרויסער טומל. האט ער זיך אויפגעזוכט עפעס א ווינקל, און ער האט גערעדט און גערעדט און גערעדט, געלערנט צו געדאוונט.

האט ער זיך אויסגעדרייט צו **רבי לוי יצחק'ן**[נז] און ער האט אים געפרעגט: "**וואס שווייגסטו?**". האט ער אים געזאגט: "**עס איז פארהאן אזא מין טומל!**".

זאגט ער אים: "**א מיל אז עס מאָלט נישט, גיט עס נישט ארויס קיין מעל!**"[נח].

עס איז א געוואלדיגער כלל: מיר האבן דעם 'סוד הדיבור'! אז מען ווייסט דאס שטארק, און מען האלט זיך ביי דעם, וועט מען קיינמאל נישט אוועקפאלן, מען וועט קיינמאל נישט אוועקפאלן![נט]

---

**נז.** ה"ה **הגה"ח רבי לוי יצחק** ב"ר אברהם נח **בענדער זצ"ל**, נולד כ"ג סיון בשנת תרנ"ז בגראדזיסק שבפולין, ובשנת תרע"ג עבר ללמוד בישיבת מאקאווא בפוילין, והתמיד שם בלימודו באופן יוצא מן הכלל, ושם התקרב לדרך רביז"ל על ידי הרה"ח רבי יצחק קראקאווסקי זצ"ל. בשלהי שנת תרע"ד נתפרקה הישיבה ונסע לאומאן, ושם דבק ברבו המובהק הגה"ח רבי אברהם ב"ר נחמן מטולטשין זצ"ל, וקיבל ממנו הרבה תורה ועבודה במשנת רביז"ל ותלמידיו, ושימש שם כש"ץ בקיבוץ ר"ה כ"א שנים. בעת מלחמת העולם השניה ברח לטאשקענט, ובשנת תש"ו התחיל מסעו לארץ ישראל, ותחילה הגיע למחנה באד-רייכנהאל בגרמניה, שם שהה למעלה משנתיים, ושם כיהן כדיין בבי"ד וטיפל בשאלות העגונות, והקים מקוואות טהרה ועוד. בתחילת שנת תש"ט עלה לאר"י ומאז ועד יומו האחרון היה דולה ומשקה תורה ועבודה, ובעיקר מה שקיבל מרבי אברהם ר' נחמן'ס, ושימש כגבאי וש"ץ ב'שול' שבמאה שערים מבלי לנטות ימין ושמאל, הכל בדרך הישרה והרצויה כראוי לביהמ"ד הנקרא על שם הצדיק. דיבוריו שנאמרו באמת וצדק ללא כחל ושרק, נדפסו בחייו ובהסכמתו בסדרת הספרים "שיח שרפי קודש", לאחרונה גם הוקם בארה"ב מכון 'טעם זקנים' שעורך את דיבוריו באופן נאה ומתקבל. נסתלק כ"ב תמוז תשמ"ט לפ"ק, ומנו"כ בהר הזיתים בירושלים עיה"ק תובב"א.

**נח.** 'לשון נופל על לשון', 'מיל' (ריחיים) לשון 'מויל' (פה) באידיש.

**נט.** עיין 'ליקוטי הלכות' הל' חדש ה"ד אות ט': אף על פי שהאדם הוא כמו שהוא ח"ו אעפ"כ אם יהיה חזק בדעתו תמיד לדבר דיבורי תורה ותפילה והתבודדות וכו' שכל זה הוא בחינת שלימות לשון הקודש וכוונתו כדי שיזכה על ידי זה להכניע ולשבר הרע שלו כדי שישוב לה' יתברך, בודאי טוב לו, כי בודאי לא יהיה נאבד שום דיבור בעלמא. וברבות הימים ירחם עליו ה' יתברך ויתקבצו כל הדיבורים דקדושה שהוציא מפיו שהם בחינת לשון הקודש. ועל ידי זה יכניע ויבטל רע הכולל והעיקר שיהיה חזק בזה מאד מאד ימים ושנים אף אם יעבור עליו מה; גם עיין 'ליקוטי מוהר"ן' תניינא סי' ע"ח [מובא במשיבת נפש אות כ"א].

אויף רבי נתן האט מען געזאגט, בשעת ער האט געדאווענט און געלערנט האט געשיינט אזוי זיינע דיבורים, ווי מען זאגט - עס איז געווען "**מחיה מתים במאמרו**"! - אזא חיות האט מען באקומען.

## געווארן א בעל־תשובה גמור

ווען רבי נתן האט געענדיגט דער 'ליקוטי הלכות', האט עס **ר' נחמן טולטשינער**[ס] געוואלט גיין דרוקן; גיי שאַף געלט אויף צו דרוקן א 'ליקוטי הלכות' צווישן אזויפיל התנגדות וואס האט זיך דעמאלס געטון; און געלט - אמאל איז דאך געווען אזא עניות; און דאס דרוקן אליין - יעדן אות האט מען געדארפט באזונדער אריינלייגן; און דא האט דאך ר' נחמן טולטשינער געוואוסט פון וואו עס איז געקומען, מיט וויפיל התבודדות, מיט וויפיל תפילות, פון וואס עס איז ארויסגעקומען די חידושים.

האט ער אוועקגעגעבן א יאר פאר דעם - א יאר צייט - סיי צו שאפן די געלט, און סיי אויף צו דרוקן.

ער האט דאך אבער געהאט רבי נתן'ס חיזוק, איז אפילו אונטערוועגנס האט ער אויך געדאווענט 'בכח' אלע טאג, און געהאט

---

ס. ה"ה **שר התורה הגה"ח רבי נחמן** ב"ר צבי אריה **גאלדשטיין זצ"ל**, רב העיר טשעהרין יצ"ו, נולד בשנת תק"פ בעיר ברסלב לאביו הרב צבי אריה ז"ל בן הרב רבי אהרן זצ"ל אב"ד ברסלב, בילדותו שלחו אביו ללמוד תורה אצל מוהרנ"ת זצוק"ל, ומאז לא מש מתוך אהלו. התפרסם בצעירותו למתמיד עצום וגאון מופלא, ולהפצרת רבי נפתלי תלמיד רביז"ל ושאר אנשי שלומינו הוכתר לרב בעיר טשעהרין בהיותו אך בן עשרים שנה, מכל מקום נהג ב'הצנע לכת' עד מאד, וכשרצו לכבדו בבואו לאומאן על ראש השנה סירב באומרו 'את הרבנות השארתי בטשעהרין', היה סופר מהיר ביותר וחיבר הרבה ספרים, וביניהם ה'פרפראות לחכמה' על לקוטי מוהר"ן, ו'אוצר היראה' על לקוטי הלכות. בשלושת שנים האחרונות של ימי חייו היה משותק כל גופו, ולמרות זאת בהתקרב ראש השנה ביקש מבניו שיקחוהו לאומאן, והיה מזכיר דברי הגמרא (המובא בלקוטי מוהר"ן סי' ד') 'ושדיוהו לגודא' ואמר 'השליכו אותי לצדיק', ובערב פורים שנת תרנ"ד לפ"ק ביקש מנכדו הרה"ח רבי אברהם שטערנהארץ זצ"ל שילמד לפניו תורה ל"ז ותוך כדי הלימוד נסתלקה נשמתו לשמי מרומים, ומנו"כ בבית החיים בטשעהרין יצ"ו.

'התבודדות', און ווייטער אויפגעשטאנען 'חצות', אלע עבודות געווען, גארנישט אפגעלאזט - אלע עבודות האט ער ווייטער ממשיך געווען אונטערוועגנס.

איז ער געווען אין 'אָדעס'. 'אָדעס' איז געווען מער אַן אינטעליגענטישער (- אויפגעקלערטע) שטאט. האט מען זיך צוגעקוקט - א מענטש זאגט תהלים מיט בכיות, מען האט געזען זיינע עבודות, זיין 'תפילה בכח'.

איז געווען דארט א גרויסער 'לץ', א 'קַל'. האט מען אים געזאגט, עס איז שוין געווען די וואכן פון תשעה־באב, 'אז דו ווילסט האבן סחורה וואס צו פארקויפן, גיי זיץ תשעה־באב לעבן דעם אידן, וועסטו האבן סחורה, וועסטו האבן וואס נאכצומאכן. האט ער אזוי געטון.

ער איז געווארן א בעל־תשובה גמור[סא].

אזעלכע 'דיבורי מטעמים המשיבים את הנפש' האט ער געהערט פון זיין קינות און פון זיין דאווענען - ער איז געווארן א בעל־תשובה גמור. זעט מען וואספארא געוואלדיגע זאך דאס איז.

מיר דארפן וויסן, **"עֹשֵׂי דְבָרוֹ לִשְׁמֹעַ בְּקוֹל דְּבָרוֹ"**[סב]. אז מען דינט דעם אויבערשטן מיט 'מסירות נפש,' מען דינט דעם אויבערשטן 'בכח', ווערט 'מוחין', עס ווערט 'דיבורים'; און מיר אליין שאפן די 'דיבורים' - "עושה דברו" - צום ערשט טוט מען בפועל די עבודת ה'; נאכער הערט מען די 'דיבורים' וואס מען האט געטון - "לשמוע בקול דברו" - דאס אליין הערט מען[סג].

---

**סא.** סיפור זה מובא בגירסא שונה קצת ב'שיח שרפי קודש' (ברסלב, הישן) ח"ג, אות רצ"ז.

**סב.** תהלים קג, כ.

**סג.** עיין 'ליקוטי מוהר"ן' סי' י"ט אות ט': כשרוצים הצדיקים לשמוע איזה דיבור מהקב"ה, הם עושים תחילה את הדיבור ובונים אותו, היינו על ידי מעשיהם הטובים זוכים לשמוע דיבורים מהקב"ה, נמצא שאלו הדיבורים נתהוו ונבנו על ידם. וזה בחינת (תהלים ק"ג): "עושי

דורך די עבודות וואס מען האט ארויסגענומען 'חלקי הקדושה' פון דער סטרא אחרא, ווערט 'דיבורים', וואס מיט די 'דיבורים' קענסטו ארויסנעמען 'חלקי הקדושה' וואס ליגט אין דער סטרא אחרא, וואס אז זיי ווילן דערהערן די 'דיבורים', ווילן זיי זיך דערמאנען דעם תכלית, וויסן אוואו זיי זענען, און איבערגיין 'מדרכי מיתה לדרכי חיים'.

## 'מי כעמך ישראל'

דאס איז א געוואלדיגער כלל, א געוואלדיגער כלל, דאס האט דער רבי מגלה געווען: אויב מען ווייסט נישט דעם סוד פון 'להתאחז' אין אלע מצבים, איז נישט שייך זיך צו דערהאלטן![סד]

אז מען קוקט זיך צו, זעט מען דאך אז דאס איז דער גאנצער קיום פון 'עַם ישראל'; וואס עס איז אלץ איבערגעגאנגען אויף כלל ישראל איז דאך 'לא יאומן כי יסופר'! פון דעם וועט ווערן לעתיד אזעלכע שעשועים, אידן האבן אפגעדינט דעם אויבערשטן אין אזעלכע מיני גלות'ן, און אין אזעלכע מיני זמנים.

בזמן הגאונים איז געווען שרעקליך שרעקליך, שרעקליך אין דער וועלט. עס איז געווען אמאל וואס מען האט געפאנגען דריי גאונים[סה], איינער איז געווען א טאטע מיט א זון, און מען האט זיי געפירט מיט א באזונדער שיפל, און די נשים אין א באזונדער שיפל.

---

דברו לשמוע בקול דברו" כשרוצים לשמוע דיבור מהקב"ה, הם עושים תחילה את הדיבור בבחינת "עושי דברו" כנ"ל, ואחר כך שומעים אותו הדיבור מהקב"ה בבחינת "לשמוע בקול דברו", כי בזה הדיבור הקב"ה מדבר עמם.

**סד.** עיין 'שיחות הר"ן' אות מ"ח: וכל זמן שאינו חזק בדעתו שתמיד ימשוך עצמו לה' יתברך בכל מה שיוכל, בין בעליה בין בירידה ח"ו, אפילו אם תהיה הירידה ח"ו איך שתהיה אף על פי כן יהיה חזק ואמיץ בדעתו למשוך ולהשתוקק ולהתגעגע תמיד אליו יתברך, ולצעוק ולהתפלל ולהתחנן אליו יתברך תמיד, ולעשות מה שיוכל בעבודת ה' בשמחה, אפילו אם יהיה איך שיהיה, כל זמן שאין לו התחזקות הזאת באמת אי אפשר לו להתקרב לה' יתברך באמת.

**סה.** עיין ספר הקבלה להראב"ד - דור השביעי; ספר יוחסין - מאמר רביעי.

די נשים זענען געווען 'יראי חטא', האבן זיי אריינגעשריגן צו דעם צווייטן שיפל, אויב די 'נטבעי הים' שטייען אויף 'תחיית המתים'. האבן זיי געענטפערט: **"אָמַר ה' מִבָּשָׁן אָשִׁיב, אָשִׁיב מִמְּצֻלוֹת יָם"**[סו]. האבן זיי זיך ארויסגעווארפן פון די שיפלעך און זיך דערטראנקען.

און די גאונים האט מען פארקויפט אין דריי פלעצער אין דער וועלט, מען האט גענומען געלט פאר זיי; און זיי האבן אויפגעשטעלט דריי 'מקומות תורה' וואס האט אויפגעלעבט דער וועלט.

איר זעט ווי מען האט געדינט אויבערשטן?! - עס איז דאך מורא'דיג אין דער וועלט.

אבער די נקודה איז געווען - די 'חיזוק', די 'חיזוק'! אט דאס וועט בויען דער גאולה!

עס איז ממש 'מי כעמך ישראל'! 'מי כעמך ישראל'!

איך האב אמאל געהערט א וואָרט; דער אויבערשטער האט געזאגט הושע'ן[סז]: **"ישראל חטאו"**. האט ער אים געזאגט: **"החליפם באומה אחרת"**. לכאורה, ווי קומט עס א נביא זאל זאגן דעם אויבערשטן 'החליפם באומה אחרת'? נאר גיי נעם אַן אנדער 'אוּמה', וועסטו זען וויאזוי זיי קוקן אויס, וועסטו ערשט זען וואס אידן זענען...[סח]

## שמאַלץ פון חיזוק

מען דארף ערשט וויסן אין אזא זמן, אין אזא מין הסתרה, אין אזא העלמה, מען דארף שטיין 'בפרץ', מען קען היינט בפַשטות זיין

**סו.** תהלים סח, כג.

**סז.** גמ' פסחים דף פז ע"א.

**סח.** עיין 'נועם אלימלך' ליקוטי שושנה ד"ה 'שמעתי מקשים': דהנה פירש על שאמר השי"ת להושע שישראל חטאו והשיב לו החליפם באומה אחרת. וח"ו לאותו צדיק שיקטרג על ישראל. ופירשו שכך היה כוונת הושע, החליפם באומה אחרת, ותראה בכל אומות אם יש כיוצא בהן, והשפל והגרוע בישראל הוא יותר טוב מטובים שבאומות. ונמצא בהסתכל בהאומות אין כח למקטרג על ישראל.

פון 'בני היכלא דמלכא' - 'פשוטו כמשמעו'; און טאקע ווייל עס איז אזוי שווער איז עס 'עומד לפנינו', עס איז 'עומד לפנינו'; יעדעס קלייניקייט איז מורא'דיג חשוב, יעדעס איידלקייט, יעדעס פארמאך דעם אויג וואו מען דארף איז אזוי חשוב, אזוי חשוב, מען דארף זיך פרייען[סט].

אפילו א מענטש איז חלילה נכשל געווארן, אבער ער איז פארט ווינציגער נכשל געווארן, דארף ער זיך אויך פרייען מיט דעם - אזא חיזוק דארף מען היינט האבן![ע] 'איך בין דאך פארט אזוי - און איך האב מיך פארט געוואלט ראטעווען!' זיך מער פרייען מיט דעם 'חלק הטוב', דעמאלס גיט עס 'כח' מיט 'אומץ' צו דערלאנגען דעם בעל־דבר.

שוין, דער אויבערשטער זאל העלפן, מען זאל זיך באנייען, און מען זאל טאקע וויסן דעם לימוד.

בכלליות איז דאס דער 'ליקוטי הלכות' - אין 'ליקוטי הלכות' איז אריינגעלייגט אזויפיל שמאַלץ פון חיזוק וואס עס איז נישטא אויף דער וועלט!

---

**סט.** עיין 'ליקוטי הלכות' הל' שבת ה"ז אות מ"ג: עתה בדורות האלו כשמתגבר האדם בתנועה קלה לשוב לה' יתברך הוא יקר אצל ה' יתברך הרבה מעבודות גדולות של דורות הראשונים, וכמובא כל זה בכתבי האריז"ל ובדברי הבעש"ט ז"ל, ובפרט מדברי אדמו"ר ז"ל.

**ע.** עיין 'ליקוטי הלכות' הל' שלוחין ה"ג אות ל"ג: וראוי להאדם הבר דעת שיהיה מרוצה, שאפילו אם לא יפעל בכל עבודתו וטרחו ויגיעו, רק שעל ידי זה ינצל פעם אחת מאיזה עבירה גמורה או הרהור או תאוה כל ימי חייו, דהיינו שעל ידי עבודתו ותפילתו והתבודדותו וכו' יזכה שבסוף ימיו יהיה לו נחסר ונפחת **עבירה אחת**, היינו שעל ידי עבודתו זכה שעכשיו יש לו עבירה אחת פחותה מחשבון עוונותיו מאשר היה לו אם לא היה חותר ומתפלל להינצל מהם, **גם זה היה כדאי לו**; גם עיין שם הל' תרומות ומעשרות ה"ג אות ג': ואם לא יזכה על ידי כל עבודתו כי אם **למעט ענשו בגיהנום קצת** גם כן **כדאי** לבלות כל ימיו בעבודת ה' בשביל זה לבד, כי צער אחד בגיהנום רגע אחת עולה יותר מכל העולם הזה כל ימי חייו.

אפילו די חיזוק וואס איז דא אויף דער וועלט, איז פון די יסודות פון 'ליקוטי הלכות' וואס עס איז אריין אין דער וועלט 'על־אף' די התנגדות - די יסודות זענען אריין אין דער וועלט!

מען קען זיך נישט דערהאלטן אָן דעם 'פשוטו כמשמעו'!

שוין, דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל זיך באנייען לטובה, זיך מחזק זיין, וועט זיין א גרויסע 'סיוע מלעילא', דער אויבערשטער זאל העלפן.


## מזלא טבא וגדיא יאה

לכבוד הני נדיבים אנשי ה' יראי אלקים, אשר נדבה לבם לחזק את מפעלינו הכביר לרגל שמחת לבם השורה במעונתם

ה"ה

מוה"ר **יוסף יודא יאקאבאוויטש** הי"ו

עומד לימינינו בכל עת ועונה

לרגל הולדת בנו כמר **חיים זאב** ני"ו

..................

מוה"ר **בנימין יודא ווערצבערגער** הי"ו

לרגל אירוסי בתו הכלה החשובה בשעטו"מ

עב"ג

הבה"ח **משה יוסף** ני"ו בן הרב **יצחק פייפער** שליט"א

..................

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא שמשמחות זו ישפע שפע רב לנו ולכל בני ישראל, ורב תענוג ונחת דקדושה כל הימים בביאת משיח צדקינו בב"א

# יאמץ לבך

**דוד המלך** זאגט: **"כִּי אַתָּה תָּאִיר נֵרִי"**. חצות איז דער טייטש – "כי אתה תאיר נרי" – מאך מיר ליכטיג, **"ה' אֱלֹקַי יַגִּיהַּ חָשְׁכִּי"**, עס איז מיר פארפינסטערט, איך בין פארפינסטערט.

וואס איז דער חילוק צווישן 'מאורי אֵש' און 'מאורי אור'? נאך 'מאורי אֵש' ווערט אַש, נאך א שריפה איז אלעס חרוב ונחרב, כליון ואבדון, דאס איז 'מאורי אש'. און עס איז דא 'מאורי אור'. אז מען ווייסט אז דאס איז 'מאורי אש' און אז מיר דארפן 'מאורי אור', איז דאס נצחיות, דאס איז נכלל אין אויבערשטן.

דאס הייסט, **"כי אתה תאיר נרי"** – מאך מיר ליכטיג, איך האב דאך א 'חלק אלקי ממעל', אוואו איז דאס?! אוואו געפינט עס זיך?! דערוועק עס מיר!

זיי עס מיר מוסיף!

גיב עס מיר אפ!

דערוועק עס מיך ווי עס דארף צו זיין!

## "ה' אלקי יגיה חשכי"!

אט דאס איז טייטשט חצות, אט דאס הייסט בנין בית המקדש; דער 'אורו של עולם', דער אור פון דער וועלט, דאס איז דער בית המקדש.

איך בעט דען מיין אור? אַן אור וואס איז 'אחוז במקצת' איז דאך אזוי ווי עס איז 'אחוז בכולו', וואס א חילוק מיין אור? נאר מיין "כי אתה תאיר נרי ה' אלקי יגיה חשכי" דאס איז **מיין** בית המקדש, און אז איך בין אנגעכאפט אין א שטיקל בית המקדש, בין איך אנגעכאפט אין דעם גאנצן בית המקדש.

(ספר דורשי יחודך יסודי היהדות ח"ב – מאמר ציון היא דורש)